בס"ד

שמות תשפ"ה

גליון 222

# דעם רבינ'ס ליכט



אַיֶיערֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מודִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן...

מִיטְן אויבֶּערְשְׁטְנְס הִילְף הָאבְּן מִיר אָנְגֶעהויבְּן אַ נַייעֶ חֻמָּשׁ! אִין דִי פַּרְשִׁיוֹת וֶוערְן אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט גָאר וִויכְטִיגֶע יְסוֹדוֹת פַאר יֶעדֶעס אִידִישׁ קִינְד. יְצִיאַת מִצְרַיִם, קְרִיעַת יַם סוּף, מָן, און דִי מִלְחָמָה פון עֲמָלֵק, מַתַּן תּוֹרָה, דֶער מִשְׁכָּן מִיט דִי כֵּלִים און נָאךְ און נָאךְ.

אִין דִי פַּרְשָׁה דֶערְצֵיילְט אונְז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פון שִׁעְבּוּד מִצְרַיִם, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט וַיַּעֲבִדוּ מִצְרַיִם אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּפָרֶךְ. מִיר דַארְפְן וִויסְן אַז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז נִצְחִי, עֶס גֵייט אַלֶעמָאל אָן, הַיינְט אִיז אויךְ דָא מִצְרַיִם און אַ פַּרְעֹה הָרָשָׁע וֶועלְכֶער וִויל בִּיטֶער מַאכְן דָאס לֶעבְּן פון יֶעדְן אִיד.

אִין תּוֹרָה מ"ו חֵלֶק שֵׁנִי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אַז אַ אִיד וֶוען עֶר וִויל זִיךְ שְׁטֶעלְן דַאוֶוענֶען, קומְט אִים אַפִּיר שְׁטֶערונְגֶען צו קומֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, און אַז מֶען הָאט זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צו קומֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, וֶוערְט דָאס הַארְץ פַארְדְרֵייט און מֶען קֶען נִישְׁט עֶפֶענֶען דָאס מויל, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מְנִיעָה פון אַלֶע מְנִיעוֹת, וֶוען דִי הַארְץ אִיז אַרומְגֶענומֶען אַזוֹי וִוי אַ גֶעבִּינְדֶענֶער וֶועלְכֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן. אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין תְּהִלִּים 'לִבִּי סְחַרְחַר', און דֶער תַּרְגּוּם טַייטְשׁ 'סְחוֹר סְחוֹר' - דָאס מֵיינְט אַז דִי הַארְץ אִיז אַרומְגֶענומֶען מִיט קַשְׁיוֹת און כְּפִירוֹת.

דָאס אִיז דֶער טַייטְשׁ פון דֶער פָּסוּק פון דִי פַּרְשָׁה 'וַיְמָרְרוּ אֶת חַיֵּיהֶם בַּעֲבֹדָה קָשָׁה' זָאגְט אויף דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר 'בַּעֲבוֹדָה קָשָׁה' מֵיינְט 'כְּפִירוֹת', אַז דִי מִצְרִיִּים וַוארְפְן אַרַיין דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין כְּפִירוֹת מֶען זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט גְלֵייבְּן אַז דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אונְז הָאבְּן. דִי עֵצָה פַאר אונְז אִיז צו טון וָואס אונְזֶערֶע זֵיידֶעס הָאבְּן גֶעטון אִין מִצְרַיִם, 'וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה וַיִּזְעָקוּ וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹקִים מִן הָעֲבֹדָה' 'וַנִּצְעַק אֶל ה' אֱלֹקֵי אֲבֹתֵינוּ וַיִּשְׁמַע ה' אֶת קֹלֵנוּ וַיַּרְא אֶת עָנְיֵנוּ וְאֶת עֲמָלֵנוּ וְאֶת לַחֲצֵנוּ'. אַז אַ אִיד שְׁרַייט פון טִיפְן הַארְץ און גֶעבְּט אַ קְרֶעכְצְס הֶערְט אִים דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער אויס, און נָאר מִיט זַיין שְׁרַייעֶן אַלֵיינְס פַאלְן אַוֶועק אַלֶע קַשְׁיוֹת און מְנִיעוֹת.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דִי רָאשֵׁי תֵּבוֹת פון דִי ווֶערְטֶער שְׁמַע י' קוֹלִי אֶקְרָא אִיז קַשְׁיָא, וַוייל אַז מֶען שְׁרַייט צום בַּאשֶׁעפֶער, פַאלְן אַוֶועק אַלֶע קַשְׁיוֹת!

## פרעג מיין קינד



דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (תורה מ"ו חלק שני) אַ מָשָׁל פונֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ מֶלֶךְ,

המשך אויף זייט 3

אויף זייט 2



# פרעג מיין קינד

## קינדער פרעגן, מלמדים ענטפערן

**שְׁאֵלָה:** *וָואס דַארְף מֶען טְרַאכְטְן וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה, מֶען פִילְט זִיךְ נִישְׁט גוּט?*

**תְּשׁוּבָה:**

א) פַאר אַלֶעם ווינְטְשׁ אִיךְ דִיר אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל דִיר בְּקָרוֹב שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה, אַ גֶעזוּנְטֶע גוּף אוּן נֶפֶשׁ אָמֵן.

ב) עֶס אִיז דָא גָאר אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיז מְסוּגָל צוּ אוֹיסְהֵיילְן אַ קְרַאנְקְן. "זָאגְן תְּהִלִּים", אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי אִין שִׂיחַת הָרַ"ן, אַז אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסוּגָל מְאֹד לִרְפוּאַת הַחוֹלֶה לִהְיוֹת לוֹ בִּטָּחוֹן בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

ג) אוֹיב מֶעגְלִיךְ בֶּעט פוּן אֵיינֶעם פוּן דַיינֶע חֲבֵרִים אָדֶער דַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן דִיר פָארְלֵיינֶען אַ בְּרִיווּ פוּן ר' נָתָן וואוּ עֶר שְׁרַייבְּט פַאר זַיין זוּן ר' יִצְחָק וֶועלְכֶער אִיז גֶעלֶעגְן קְרַאנְק אִין בֶּעט. דִי בְּרִיווְן זֶענֶען סוֹף יָאר תקצ"ד פוּן א' כִּי תָבֹא אוּן וַוייטֶער. צְווִישְׁן זַיינֶע וֶוערְטֶער בֶּעט ר' נָתָן פוּן זַיין זוּן ר' יִצְחָק מִיט בְּעֶרֶךְ דֶעם לָשׁוֹן: "עֶר זָאל אָפְּטוּן אַלֶע סָארְטְן זָארְג אוּן פְּחָדִים, וַוייל פַּחַד שַׁאדְט זֵייעֶר פַארְן גוּף אוּן זִיכֶער פַארְן נֶפֶשׁ אוּן אֲפִילוּ אַ קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ בְּחִירָה וָואס צוּ טְרַאכְטְן אוּן וָואס נִישְׁט א.א.וו.

דֶער זְכוּת פוּן צַדִיק זָאלְן שִׁיצְן אוֹיף דִיר יֶעדְן טָאג אוּן צַייט, מִיט דֶעם קֶענֶען מִיר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פְרֵייעֶן. אַ מֶענְטְשׁ מוּז אַרִיבֶּער גֵיין אַלְס סָארְטְן נִסְיוֹנוֹת אוּן אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער, מִיר דַארְפְן דָאס אָנְנֶעמֶען בְּאַהֲבָה צוּ וויסְן אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז לְטוֹבָה, אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען גְרִינְגֶער מִתְפַּלֵּל זַיין צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר אַוֶועקְנֶעמֶען דִי קְרֶענְק אוּן יִסוּרִים וַוייל אֲפִילוּ סְ'אִיז אוּנְזֶער טוֹבָה אָבֶער מִיר נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דִי יִסוּרִים."

ד) אוֹיב הָאסְטוּ אַבִּיסְל כֹּחַ קֶענְסְטוּ זָאגְן אַ שְׁטִיקְל תְּפִלָּה (ליקוטי תפלות, תפלה קכ"א): "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ בִּיסְט דֶער מָלֵא רַחֲמִים, טוֹב וּמֵטִיב לַכֹּל, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אָנְנֶעמֶען אַלֶעס בְּאַהֲבָה, אֲפִילוּ וֶוען דוּ שִׁיקְסְט מִיר צוּמָאל מִיט דַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת עֶפֶּעס יִסוּרִים וֶועלְכֶע קוּקְן אוֹיס ווִי שְׁלֶעכְטְס, זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין עֶס אָנְצוּנֶעמֶען מִיט לִיבְּשַׁאפְט בֶּאֱמֶת.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר בְּתוֹךְ שְׁאָר חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל, דוּ זָאלְסְט צוּרִיקְקוּמֶען צוּ דַיינֶע פְרִישֶׁע אִינְגֶע כּוֹחוֹת אוּן קֶענֶען עוֹסֵק זַיין אִין תּוֹרָה וַעֲבוֹדָה גֶעזוּנְטֶערְהֵייט לְאֹרֶךְ יָמִים וְשָׁנִים טוֹבוֹת אָמֵן.

צו הילד משה פון לעמבערג, קרית יואל
די מעשה מיט די הצלה זעט אויס א שיינע מעשה, קלינג אריין נאכאמאל מיט קלארע פרטים.

טייערער משה, זייער שיין אז דו האסט זיך אונטערגענומען צו זאגן שמות הצדיקים, אשריך!!

צו אריינשיקן א שאלה פאר ווינקל 'פרעג מיין קינד',
רוף אין טעלעפאן ליין 02-5-3333-72 ~ 646-585-3040 און פרעג דיין שאלה אויף קנעפל 5

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

וועלכער האט אנגעקלייגט אן אוצר אין א געוויסן ארט, און מיט אן אויגן פארבלענדעניש האט ער באהאלטן דעם אוצר מיט אזעלכע שטארקע און פעסטע מויערן ארום דעם אוצר. ווען די מענטשן וועלכע האבן געוואלט צוגיין צום אוצר האבן געזען די ווענט האט זיך פאר זיי געדאכט אז דאס זענען אמת'ע ווענט און עס איז אוממעגליך צו צעברעכן, זענען זיי אהיים געגאנגען, די אנדערע חלק מענטשן האבן יא מצליח געווען צו צעברעכן איין מויער, אבער זעענדיג דעם צווייטן מויער האבן זיי געהויבן הענט, געוויסע מענטשן האבן זיך יא געשטארקט און געבראכן נאך א מויער-צוויי, ביז דער קינד פון קעניג איז געקומען און זיך אנגערופן: "איך ווייס אז דאס איז נישט מער ווי אן אויגנפארבלענדעניש (אחיזת עינים) ס'איז נישט דא קיין שום מויער". און ער איז מיט זיכערקייט אריבער אלע חומות.

ווער עס האט אביסל שכל פארשטייט אליין דעם נמשל. דער אוצר איז דאך 'דער אוצר פון יראת שמים', וואס איז ליידער ארומגענומען מיט מויערן, דאס איז די אלע שטערונגען און ריינצנדיגע תאוות וועלכע שלעפן אונז אוועק נישט צו קענען דינען דעם באשעפער. דער עיקר איז מיר זאלן האבן א שטארקע הארץ צום באשעפער אזוי וועלן אלע מניעות אראפפאלן און ווערן בטל ווי א זייפן בלאז.

דער אויבערשטער זאל העלפן עס זאל שוין מקוים ווערן דער פסוק וואס מען זאגט יעדן טאג ביי מעריב כי פדה ה' את יעקב וגאלו מיד חזק ממנו, און מיר וועלן אלע מאכן די ברכה ברוך אתה ה' גאל ישראל אמן ואמן.

# תּוֹרָה מִיט עֲשִׁירוּת

אִין דִי צַייטְן פוּן הֵייליגְן מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען אַ רַייכֶער אִיד װעלְכֶער אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ מְיוּחָס, דָאס מֵיינְט עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ אֵייניקְל פוּן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים אוּן רַבָּנִים. אָבֶער לַיידֶער אִיז דֶער אִיד גֶעוֶוען אַ מִתְנַגֵּד, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּנֶעם מַגִּיד אוּן הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט זַיינֶע הֵייליגֶע תַּלְמִידִים. װען דִי הֵייליגֶע צַדִיקִים, דִי תַּלְמִידִים פוּן מַגִּיד זֶענֶען אַרַיין צוּ זֵייעֶר רֶבִּי'ן הָאבְּן זֵיי אִים דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער דֶעם גְרוֹיסֶער גְבִיר, דֶער מְיוּחָס וָואס הָאט הִתְנַגְּדוּת אוֹיפְן רֶבִּי'ן, הָאט זֵיי דֶער הֵייליגֶער מַגִּיד זַ"ל גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן זֶען אִים צוּ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, עֶר הָאט זֵיי גֶעבֶּעטְן זֵיי זָאלְן טוּן אַלֶע סָארְטְן הִשְׁתַּדְלוּת וָואס זֵיי קֶענֶען נָאר אִים צוּ מְקָרֵב זַיין, מִיט תְּפִלּוֹת, דַאוֶונֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל זֵיי הֶעלְפְן אִין דֶער זַאךְ.

דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן אוּן פְרֶאבִּירְט רֶעדְן מִיט דֶעם אִיד, בִּיז מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף אִיז זֵיי בֶּאֱמֶת גֶעלוּנְגֶען צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם רַייכְן אִיד צוּם מַגִּיד, אוּן וִוי נָאר דֶער אִיד אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵייליגְן מַגִּיד אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ, אַן אִישׁ כָּשֵׁר, עֶר הָאט בַּאקוּמֶען יִרְאַת שָׁמַיִם וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר הִילְף אוּן טוֹבָה וָואס מֶען קֶען בַּאקוּמֶען פוּן אַ צַדִיק.

אָבֶער וִויפִיל דֶער אִיד הָאט זִיךְ מֶער מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען צוּם גוּטְן אוּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אִין זַיין עֲבוֹדַת ה' אִיז זַיינֶע בִּיזְנֶעס אוּן עֲשִׁירוּת גֶעגַאנְגֶען בַּארְג אַרָאפּ... עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרָאפְּגֵיין פוּן זַיין גְרוֹיס עֲשִׁירוּת, גֶעוֶוועגְלִיךְ קְלֶערְט אַ מֶענְטְשׁ בַּיי זִיךְ אַז אוֹיבּ װעט מֶען זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן אִין רוּחָנִיּוּת דֶעמָאלְס װעט מֶען נָאר פַארְדִינֶען מֶער אוּן װערְן רַייכֶער... דָאס גַּשְׁמִיּוּת װעט װערְן בֶּעסֶער, אָבֶער דָא אִיז גֶעשֶׁען פּוּנְקְט פַארְקֶערְט.

הָאט דֶער הֵייליגֶער מַגִּיד עֶרְקְלֶערְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "אַז תּוֹרָה אוּן גְדוּלָּה קֶענֶען נִישְׁט גֵיין צוּזַאמֶען, גֶעוֶוענְלִיךְ קֶען מֶען נִישְׁט הָאבְּן דִי װעלְט מִיט דִי אַנְדֶערֶע װעלְט גֶעבּוּנְדְן אִינְאֵיינֶעם... וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין גְמָרָא (בבא בתרא כה) 'הָרוֹצֶה לְהַחְכִּים יַדְרִים-לְהַעֲשִׁיר יַצְפִּין' אֵיינֶער וָואס ווִיל חָכְמָה זָאל גֵיין צוּ דָרוֹם זַייט אוּן אֵיינֶער וָואס ווִיל גֶעלְט אוּן עֲשִׁירוּת זָאל גֵיין קַיין צָפוֹן, הָאט דֶער מַגִּיד עֶרְקְלֶערְט אַז מֶען זֶעט פוּן דֶעם אַז דִי בֵּיידֶע קֶענֶען נִישְׁט גֵייט צוּזַאמֶען וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אוֹיף אֵיינְמָאל סַיי אִין צָפוֹן אוּן סַיי אִין דָרוֹם."




"ס'אִיז דָא אֵיין װעג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען יָא זוֹכֶה זַיין צוּ צְוֵויי טִישְׁן, "הָאט דֶער הֵייליגֶער מַגִּיד זַ"ל עֶרְקְלֶערְט: "דָאס מֵיינְט צוּ פַארְדִינֶען סַיי עֲשִׁירוּת אוּן אוֹיךְ עֲבוֹדַת ה', דָאס אִיז נָאר אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ מְבַטֵּל זַיין אִינְגַאנְצְן פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר הַאלְט זִיךְ פַאר אַ 'גָארְנִישְׁט' אַנְטְקֶעגְן דֶעם גְרוֹיסְן בַּאשֶׁעפֶער. אוֹיבּ אֵיינֶער הַאלְט זִיךְ קְלֵיין, דֶעמָאלְס אִיז עֶר אַן "אַיִן" אַ גָארְנִישְׁט! וִויפִיל אָרְט פַארְנֶעמְט דֶען 'גָארְנִישְׁט'? וואוּ גֶעפִינְט זִיךְ פּוּנְקְט 'גָארְנִישְׁט'? בַּיי אַ 'גָארְנִישְׁט' אִיז נִישְׁט שַׁייךְ צוּ זָאגְן אַ פְּלַאץ, וַוייל ס'אִיז גָארְנִישְׁט.... כְּאַיִן וּכְאֶפֶס.

אוֹיבּ אַזוֹי הָאט דֶער מַגִּיד אַרוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז נָאר אֵיינֶער וָואס הַאלְט זִיךְ בֶּאֱמֶת קְלֵיין עֶר קֶען זוֹכֶה צוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן פוּן דֶער אַנְדֶערֶע זַייט אוֹיךְ הָאבְּן גְדוּלָּה אוּן עֲשִׁירוּת, אַזוֹי וִוי מִיר ווייסְן אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אוּן אַזוֹי אוֹיךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ, רֶבִּי יְהוּדָה הַנָּשִׂיא אוּן נָאךְ גְרוֹיסֶע צַדִיקִים װעלְכֶע הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ צוּ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל זַיין פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, כָאטְשׁ זֵייעֶר גְרוֹיסְקַייט הָאבְּן זֵיי זִיךְ בֶּאֱמֶת גֶעהַאלְטְן קְלֵיין.

(ליקוטי מוהרן תורה קסב)

# אַרויס פון חֵרֶם

דִי מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט וֶוען ר' נָתָן אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אויף אַ בַּאזוּך אִין אַ שְׁטָאט צוּ קֶענֶען אויפְפְלַאקֶערְן דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים מִיט דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת, און הָאט גֶערֶעדְט אַ שְׁמוּעֶס פון הִתְחַזְּקוּת פַאר דִי אִינְגֶעלַייט פון דֶעם שְׁטָאט. בִּשְׁעַת ר' נָתָן הָאט גֶעגֶעבְּן דֶעם שְׁמוּעֶס אִיז דָארְטְן גֶעשְׁטַאנֶען אַ פְרֶעמְדֶער יוּנְגֶערְמַאן, און הָאט צוּגֶעלֵייגְט זַיין אוֹיעֶר מִיט נַייגֶער צוּ דֶעם שִׁיעוּר.

וֶוען ר' נָתָן הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם שְׁמוּעֶס און דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ צוּגַאנְגֶען, אִיז דֶער אִינְגֶערְמַאן צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ ר' נָתָן, עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט וֶוער עֶר אִיז און וואוּ עֶר וואוֹינְט. עֶר רוּפְט זִיךְ אָן צוּ ר' נָתָן: "אִיךְ מֵיין אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ פַארְפַאלֶענֶער." אָבֶּער אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פון אַייךְ דֶעם שְׁמוּעֶס, וִויל אִיךְ זִיךְ מִיט אַייךְ אִיבֶּערְרֶעדְן, אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג?!



א שול אין שטאט ווילנא

פַארְצֵיילְט דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס מִיט אִים הָאט פַּאסִירְט, וָואס דָאס הָאט אִים צוּגֶעבְּרֶענְגְט זִיךְ אֵיינְצוּטִינְקְן אִין אַזַא שְׁרֶעקְלִיכְן יֵאוּשׁ.

אִין ווִילְנָא, שְׁטֵייט אַ גְרוֹיסֶער רֵייכֶער שׁוּל, עֶס אִיז פַאר אַלֶעמֶען בַּאקַאנְט אַלְס דֶעם ווִילְנֶער גָאוֹנְ'ס שׁוּל. עֶס אִיז גֶעלֶעגְן אִין דֶעם שׁוּל אַ גֶעוַואלְדִיגֶע רַייכְקַייט, דִי סִפְרֵי תּוֹרוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען בַּאצִירְט מִיט זִילְבֶּערְנֶע און גָאלְדֶענֶע קְרוֹינֶען און צִירוּנְגֶען. דִי וֶוענְט שְׁטֵייעֶן מִיטְ'ן שֶׁענְסְטְן פְּרַאכְט וָואס פַּאסְט זִיךְ פַאר אַזַא שׁוּל - אַ מִשְׁכָּן מְעַט וואוּ דִי שְׁכִינָה רוּעֶט. גָאר אַסַאךְ גֶעלְט אִיז גֶעוֶוען אִינְוֶועסְטִירְט אִין דֶעם שׁוּל.

וִויבַּאלְד דִי וֶוערְד פון דִי טַייעֶרֶע סִפְרֵי תּוֹרָה אִיז גֶעוֶוען אוּמְשַׁאצְבַּאר. הָאט מֶען גֶעשְׁטֶעלְט אַ שְׁטֶענְדִיגֶער שׁוֹמֵר, זָאל דָאס אָפְּהִיטְן פון פְרֶעמְדֶע עֶלִימֶענְטְן!

דִי גַנָּבִים הָאבְּן גֶעלָאקֶערְט אויף דִי רַייכְקַייט. אָבֶּער דִי שׁוֹמְרִים שְׁטֵייעֶן פִיר און צְוָואנְצִיג שָׁעָה - אַ קַיילֶעכִיג יָאר הִיטְן זֵיי דֶעם שׁוּל. דִי גֶעשׁוּלְטֶע גַנָּבִים הָאבְּן זִיךְ פַארְלֵייגְט אויף דֶעם פַארְמֶעג, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּמֶען.

דִי חֶבְרָה הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶערֶעדְט און אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ פְּלַאן אַז דִי בֶּעסְטֶע צַייט צוּ קֶענֶען דוּרְכְפִירְן דֶעם אַקְצִיֶע, און קֵיינֶער זָאל נִישְׁט קֶענֶען הַאלְטְן אַן אוֹיג אוֹיף זֵיי - אִיז נִישְׁט מֶער נִישְׁט וֵוייניגֶער, יוֹם כִּפּוּר בַּיינַאכְט!! אִין דֶעם נַאכְט עֶפְנְט מֶען דָאךְ אוֹיף דִי סִפְרֵי תּוֹרוֹת אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען בַּיי כָּל נִדְרֵי. און אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם נֶעכְטִיגְט אִיבֶּער אִין שׁוּל - צוּ זָאגְן תְּהִלִּים בַּיינַאכְט. שְׁפֶּעט אִינְדֶערְנַאכְט וֶוען דֶער עוֹלָם וֶועט אַיינְדְרִימְלֶען, און דֶער אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ אִיז דָאךְ אָפְן, וֶועט מֶען דֶעמָאלְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי סִפְרֵי-תּוֹרוֹת, און דוּרְכְפִירְן דִי גְנֵיבָה אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט בַּאמֶערְקְן און דִי שׁוֹמְרִים וֶועלְן דָאךְ נִישְׁט קוּמֶען אִין דֶעם נַאכְט.

זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַ גוּטְן פְּלַאן און הָאבְּן טַאקֶע אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דָאס גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן פוּנֶעם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ

אִין דֶעם הֵיילִיגְן נַאכְט יוֹם כִּפּוּר!

אִינְדֶערְפְרִי דִי שְׁטָאטִישֶׁע אִידְן פוּן ווִילְנָא קוּמֶען צוּ גֵיין אִין שׁוּל, מֶען עֶפְנְט אוֹיף דֶעם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, דִי פַּארְמֶעגְן אִיז נִישְׁט דָא אַלֶע גָאלְדֶענֶע קְרוֹינֶען און צִירוּנְגֶען זֶענֶען נֶעְלָם גֶעווָארְן ווִי אִין וַואסֶער אַרַיין. גֶעוַואלְד!! מֶען הָאט גֶעדֶענְקְט אַז נֶעכְטְן ווֶען מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי סִפְרֵי תּוֹרָה, זֶענֶען אַלֶע גָאלְדֶענֶע און זִילְבֶּערְנֶע צִירוּנְגֶען גֶעוֶוען אוֹיפְן פְּלַאץ. עֶס מוּז זַיין אַז עֶס אִיז גֶע'גַנְבֶ'ט גֶעווָארְן אִין דֶעם נַאכְט יוֹם כִּפּוּר. "יוֹם כִּפּוּר בַּיינַאכְט. זָאל מֶען אָפְּטוּן אַזַא גְנֵבָה?!"

יֶענֶע יָארְן זֶענֶען גֶעוֶוען גְדוֹלִים - עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן, בַּעֲלֵי רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ חֵרֶם, אוֹיף דִי גַנָבִים וָואס הָאבְּן עֶס גֶעטוּן. און אַלֶע וֶועלְכֶע ווַייסְן דֶערְפוּן און זֶענֶען פַּארְמִישְׁט דֶערִין - און זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט, זֶענֶען אוֹיךְ אִין אַ חֵרֶם.

רוּפְט זִיךְ אָן דֶער אִינְגֶערְמַאן צוּ ר' נָתָן: "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פוּן דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעווּאוּסְט פוּן דֶעם גְנֵבָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶע'גַנְבֶ'עט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעווּאוּסְט דֶערְפוּן, און וֶוער עֶס הָאט עֶס גֶעטוּן, בִּין אִיךְ אִין אַ חֵרֶם פוּן אַזֶעלְכֶע גְדוֹלִים - אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט פַאר דִי רַבָּנִים."

אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ אַזַא מִין שְׁמוּעָס פוּן הִתְחַזְקוּת, ווַייל אִיךְ אַייךְ פְרֶעגְן טָאמֶער אִיךְ הָאבּ נָאךְ עֶפֶּעס אַ הָאפֶענוּנְג?! "דָאס ווַייסְט מֶען אַז ר' נָתָן הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז יָא!" עֶר הָאט נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג! וָואס עֶר מִיט אִים גֶערֶעדְט ווַייסְט מֶען נִישְׁט, אָבֶּער עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט יָא הָאפֶענוּנְג! ר' נָתָן הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה ווִיאַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם פְּלָאנְטֶער... (אויסגעארבעט פון א שמועס פון הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל)




המשך פון די לעצטע זייט

זַיין און טַאנְצְן אוֹיף דִי זְכִיָּה אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד! אַ קִינְד פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַזַא מַתָּנָה פוּן בַּאשֶׁעפֶער שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי!...

דִי גְרֶעסְטֶע מַתָּנָה אוֹיף דֶער ווֶעלְט" זַיין אַ אִיד! אִיךְ בִּין אַ אִיד! דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעמַאכְט קֵיין גוֹי... מִיר דַארְפְן טַאנְצְן און זִינְגֶען: "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי... שֶׁלֹּא עָשַׂנִי..." נָאר פַאר דִי מַתָּנָה אַלֵיין אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד און נִישְׁט קֵיין גוֹי, אִיז שׁוֹין כְּדַאי צוּ פְרֵיילִיךְ זַיין יֶעדְן טָאג און אִין אַלֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן.

גֶעלֶערְנְט? גֶעדַאוְונְט? גֶעטוּן חֶסֶד? דֶער יֵצֶר הָרָע פַּאדְרֵייט מִיט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת מִיטְן טַעֲנָה אַז: "סְ'אִיז נִישְׁט וואו סְ'דַארְף צוּ זַיין, סְ'הָאט נִישְׁט קֵיין שְׁלֵימוּת". מִיר וֶועלְן זִיךְ אָבֶּער פְרֵייעֶן מִיט דָאס בִּיסֶעלֶע גוּטְס וָואס מִיר הָאבְּן נָאר, טְרָאץ וָואס סְ'זֶעט אוֹיס זֵייעֶר פִּיצֶל. מִיר וֶועלְן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער יֵצֶר הָרָע זוּכְט צוּ קְלֵיין מַאכְן דִי גוּטְס וָואס מִיר טוּעֶן און אוֹיפְבְּלָאזְן וָואס מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעטוּן. (ע"פ חיי"מ סה)

# שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, הֵיילִיגֶער שַׁבָּת

לְכָבוֹד שַׁבָּת הָאט ר' אַבְרָהָם בַּ"ר נַחְמָן גֶעוָוארְנְט אוּנְזֶערֶע לַייט זֵיי זָאלְן זִיךְ מִשְׁתַּדֵּל זַיין צוּ קוֹיפְן נָאר פְרִישֶׁע פִּישׁ אוּן הָאט זִיךְ מַסְבִּיר גֶעוֶוען: מֵילָא דִי חֲסִידִים וָואס בַּאנִיצְן זִיךְ יָא מִיט דָאקְטוֹירִים קֶענֶען זִיךְ עֶרְלוֹיבְּן צוּ עֶסְן שַׁבָּת אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין פְּרִישֶׁע פִּישׁ, טָאמֶער וֶועט זֵיי קַלְיֶא וֶוערְן דֶער מָאגְן לוֹיפְן זֵיי בַּאלְד זוּנְטָאג צוּם דָאקְטֶער נֶעמֶען אַ רֶעצֶעפְּט, אָבֶער אוּנְזֶערֶע לַייט וועלְכֶע גֵייעְן נִישְׁט צוּם דָאקְטֶער דַארְפְן זִיךְ זַייעֶר הִיטְן נִישְׁט צוּ קַלְיֶא מַאן דֶעם מָאגְן. (אוצר נחמני)

מִיר קֶענֶען נִישְׁט צוּלֵייגְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן ר' אַבְרָהָם בר"נ, אָבֶער זִיכֶער אִיז כְּדַאי מִיר זָאלְן זִיךְ לֶערְנֶען פוּן אָט דֶעם סִיפּוּר צוּ הִיטְן פוּן אַלֶע סָארְטְן עֶסְנְוַוארְג וָואס קֶען שָׁאטְן פַאר דִי גֶעזוּנְט, אַז מֶען עֶס גֶעזוּנְט דַארְף מֶען וֶוייניגֶער לוֹיפְן צוּם דָאקְטֶער.

• • •

דֶער הֵיילִיגֶער ר' נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער חַנָּה צִירְל אַז בַּיים צִינְדְן דִי שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב לִיכְט זָאלְן דִי פְרוֹיעֶן אִינְזִין הָאבְּן דָאס דָאזִיגֶע: "אַזוֹי זָאל דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְט לַייכְטְן אִין אַלֶע וֶועלְטְן".

אַנְדֶערֶע זָאגְן אַז ר' נָתָן הָאט דָאס גֶעזָאגְט בִּפְרָטִיּוּת פַאר זַיין טָאכְטֶער זִי זָאל דָאס אִינְזִין הָאבְּן. (אוצר נחמני)

• • •



ר' מָאטְל שׁוֹחֵט (אֵיינִיקְל פוּן ר' נָתָן) אִיז גֶעוֶוען אַמָאל בַּיים שַׁבָּת טִישׁ פוּן ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אוּן בַּאמֶערְקְט וִוי ר' נַחְמָן הָאבְן עֶנְדִיגְן דִי פִּישׁ, יוֹךְ אוּן פְלֵיישׁ אוּן אַנְדֶערֶע מַאַכָלֵי שַׁבָּת הָאט עֶס צוּגֶעגֶעסְן נָאךְ אַ שְׁטִיקְל חַלָּה.

אִינְדֶערְדַייט אִיז גֶעזֶעצְן אַ אִיד אוּן בַּאטְרַאכְט ר' נַחְמָן מִיט וואוּנְדֶער בְּלִיקְן, 'וָואס אִיז פַּשַׁט אַז נָאךְ אַלֶע מַאֲכָלִים עֶסְט עֶר נָאךְ אַ שְׁטִיק חַלָּה?'.

ר' נַחְמָן הָאט דֶערְשְׁפִּירְט וָואס יֶענֶעם בַּאדֶערְט, הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ שְׁטִיק חַלָּה אִין הַאנְט אוּן גֶעזָאגְט: "אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט ס'אִיז כֻּלּוֹ אֱלֹקוּת כֻּלּוֹ קוֹדֶשׁ אִיז נָאךְ אַבִּיסְל אֱלֹקוּת, נָאךְ אַ שְׁטִיקְל, נָאךְ אֱלֹקוּת".

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ט | ז | ד | א | ס | ט | ב | ז | נ | ע | מ | ו | ס | ק | ס | פ | ש | מ | ב |
| ר | מ | נ | ו | מ | ז | ח | י | ד | ע | ר | ש | ק | א | ב | פ | ו | נ | א |
| פ | נ | ר | ו | ש | ו | י | נ | ע | נ | י | נ | ו | נ | א | צ | ב | נ | ק |
| ב | י | ק | ט | פ | ט | נ | כ | ת | ט | ג | נ | ו | ג | ש | ז | ב | ר | ו |
| ו | א | ע | פ | ש | ע | ה | ט | ל | מ | א | א | ו | כ | ע | ט | י | ז | מ |
| י | ו | ז | ר | ס | ק | י | נ | ע | ד | ו | ב | ל | פ | פ | נ | נ | א | ע |
| ו | י | א | ו | ר | ו | ע | ק | ז | ג | ל | ג | ד | צ | ע | ט | ע | ע | נ |
| ז | פ | ס | ו | י | ע | ק | נ | ר | י | ה | ז | ר | מ | ר | ר | ע | ר | מ |
| א | י | ז | ה | נ | פ | כ | י | ל | מ | י | ו | א | ש | ט | מ | ס | ו | ו |
| ס | ו | ב | ו | ש | מ | ק | י | י | מ | ת | ל | ו | ג | א | ש | כ | ז | ו |
| ס | א | ו | ו | ב | נ | י | ז | ז | פ | ט | ב | ס | ו | ט | ו | ז | ב | ג |
| כ | ע | ד | ת | ע | ו | כ | א | י | נ | ב | נ | נ | י | ו | ג | ע | ד | ג |
| ט | י | צ | י | ו | ז | ל | ט | י | י | צ | ר | י | ע | ו | ע | ח | ר | ל |
| ד | ק | י | א | ל | ו | י | מ | מ | ש | ע | צ | ט | י | א | א | ל | כ | י |
| ע | ר | ר | א | ת | ח | ו | ח | פ | ד | צ | פ | ס | ו | מ | ל | ב | ט | ו |
| ש | א | י | ע | י | מ | ס | א | ש | ו | ב | ב | י | מ | כ | י | נ | א | ת |
| ז | ז | ד | י | ד | ז | ט | ר | ס | פ | ב | ב | מ | ב | ו | ע | י | ל | א |

טרעף די ווערטער אינעם קעסטל, מען קען גיין אויף אלע זייטן

**...דָאס מֵיינְט שׁוּבוּ בָּנִים שׁוֹבָבִים וַוייל דֶער עִיקָר פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן גָּלֻיוֹת קוּמְט פוּן חִסָּרוֹן הַדַּעַת וָואס דָאס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן שׁוֹבָבִים אַז מֶען דְרֵייט זִיךְ אִין דֶער וֶועלְט אַזוֹי ווִי אַ מְשׁוּגָע'נֶער, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט וַיֵּלֶךְ שׁוֹבָב בְּדֶרֶךְ לִבּוֹ. אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט דָאס פַארְשְׁטֵיין אַז עֶר אִיז מַמָּשׁ מְשׁוּגָע וֶועט עֶר זִיכֶער שׁוֹינֶען אוֹיף זִיךְ אוּן שְׁרַייעֶן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַזוֹי וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען שֵׂכֶל אוּן דַעַת וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר גְאוּלָה בִּכְלָל וּבִפְרָט, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִין יֶעדֶע צֵייט קֶען דָאס מְקַיֵים זַיין אוּן זִיךְ אוֹיסְלֵייזְן.**

(ע"פ ליקוטי הלכות, גילוח ד' אות ח')

דֶעם 'פִּיפְּטְן־טָאג', זֶענֶען זֵיי אוֹיף פְרֵיילֶעךְ גֶעוֶוען – הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְמַאנְט אִין דֶעם 'בֶּעטְלֶער', וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ 'הוֹיקֶער'.

אוּן זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט: "וִוי נֶעמְט מֶען אַהֶער דֶעם 'בֶּעטְלֶער' דֶעם 'הוֹיקֶער', וָוארְן אַז עֶר זָאל דָא זַיין, וָואלְט מֶען זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גֶעוֶוען".

אִין דֶעם [אִינְמִיטְן] קוּמְט עֶר אָן, אוּן זָאגְט: "אִיךְ בִּין דָא, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶער חֲתוּנָה" – אוּן אִיז זֵיי אַרוּמְגֶעפַאלְן, אוּן הָאט זֵיי גֶעהַאלְזְט, אוּן גֶעקוּשְׁט.

אוּן הָאט צוּ זֵיי גֶעזָאגְט: "פְּרִיעֶר הָאבּ אִיךְ אַייךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט, אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי־וִוי אִיךְ, הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ [אַייךְ] 'דְרָשָׁה־גֶעשַׁאנְק', אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי־וִוי אִיךְ. אוּן אִיךְ בִּין גָאר קֵיין 'הוֹיקֶער' נִישְׁט, אַדְרַבָּא, אִיךְ הָאבּ אַזוֹינֶע 'פְּלֵייצֶעס', וָואס זֵיי זֶענֶען 'מוּעָט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה' – אוּן אִיךְ הָאבּ דֶערוֹיף אַ 'הַסְכָּמָה'".

וָוארְן אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁמוּעֶס, וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ בַּארִימְט מִיט דֶער זַאךְ – אִיטְלֶעכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט, אַז עֶר הָאט דִי זַאךְ פוּן 'מִיעוּט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה' (כְּלוֹמַר: אַ קְלֵיין אָרְט זָאל הַאלְטְן פִּיל) – הָאט מֶען פוּן אֵיינֶעם גֶעלַאכְט, אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ בַּארִימְט מִיט דֶער זַאךְ פוּן 'מִיעוּט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה', זֶענֶען יָא גֶעפֶעלְן. "אָבֶּער מֵיין 'מִיעוּט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה', אִיז גְרֶעסֶער פוּן זֵיי אַלֶע".

וָוארְן אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט זִיךְ בַּארִימְט: "אַז זַיין מֹחַ אִיז אַ 'מוּעָט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה' – וָוארְן עֶר טְרָאגְט אוֹיף זַיין מֹחַ אֲלָפִים־וּרְבָבוֹת מֶענְטְשְׁן, מִיט גָאר זֵייעֶר 'הִצְטַרְכוּת' [גֶעבְּרוֹיכְן], מִיט אַלֶע זֵייעֶרֶע 'הַנְהָגוֹת', מִיט גָאר זֵייעֶרֶע 'הֲוָיוֹת', מִיט זֵייעֶרֶע 'תְּנוּעוֹת' – טְרָאגְט עֶר דָאס אַלְץ, גָאר אוֹיף זַיין מֹחַ – אִיז עֶר זִיךְ אַ 'מוּעָט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה'

– וָוארְן אַ שְׁטִיקְל מֹחַ זָאל אוֹיף זִיךְ טְרָאגְן אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן, מִיט גָאר זֵייעֶר 'הִצְטַרְכוּת'" וְכוּ'.

(דְרוּם [דֶערִיבֶּער] הֵייסְט עֶר אַ 'מִיעוּט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה', דְהַיְינוּ: אַ שְׁטִיקְל אָרְט הַאלְט אוֹיף זִיךְ אוּן טְרָאגְט אַזוֹי פִיל – דְהַיְינוּ: 'דָאס שְׁטִיקְל מֹחַ', טְרָאגְט אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן, מִיט גָאר זֵייעֶרֶע זַאכְן וְכוּ', כַּנַּ"ל).

הָאט מֶען אוֹיס אִים גֶעלַאכְט – אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ דָארְט אָנְגֶערוּפְן: "דוּ בִּיזְט נִישְׁט, אוּן דַיינֶע לַייט זֶענֶען נִישְׁט". הָאט זִיךְ אֵיינֶער אָנְגֶערוּפְן אוּן הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן 'אַזוֹי' אַ 'מִיעוּט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה'".

וָוארְן אַמָאל בִּין אִיךְ פִירְגֶעגַאנְגֶען פַאר אַ בַּארְג – הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן: ס'אִיז אוֹיף דֶעם בַּארְג גֶעוֶוען, זֵייעֶר אַסַאךְ 'מִיסְט' אוּן 'טִינוּף' [שְׁמוּץ] – אִיז בַּיי מִיר אַ חִידוּשׁ גֶעוֶוען, פוּן וַואנֶעט קוּמְט אוֹיף דֶעם בַּארְג, אַזוֹיפִיל 'מִיסְט' אוּן 'טִינוּף' [שְׁמוּץ]?

אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּן [נֶעבְּן] דֶעם בַּארְג – הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז אַלְץ פוּן מִיר" – וָוארְן עֶר אִיז דָארְט גֶעזֶעצְן לֶעבְּן [נֶעבְּן] דֶעם בַּארְג, הָאט עֶר אַלְץ גֶעוָוארְפְן אוֹיף דֶעם בַּארְג, 'מִיסְט' אוּן 'פַּאסְקִיצְטְוֶוע' [צוֹאָה], פוּן זַיין עֶסְן אוּן טְרִינְקְן – אִיז דָאס פוּן אִים אַזוֹיפִיל 'מִיסְט' אוּן 'טִינוּף' אוֹיף דֶעם בַּארְג. נִמְצָא, אִיז זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אַ 'מִיעוּט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה' – וָוארְן פוּן אֵיין מֶענְטְשְׁן זָאל אַזוֹיפִיל 'מִיסְט' זַיין"? אַזוֹי אִיז דָאס אוֹיךְ" (דְהַיְינוּ: אַזוֹי אִיז דֶער 'מִיעוּט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה', פוּן דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ בַּארִימְט, אַז עֶר טְרָאגְט אוֹיף זַיין מֹחַ אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן וְכוּ').

אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט: "עֶר הָאט דִי זַאךְ פוּן 'מִיעוּט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה' – וָוארְן עֶר הָאט אַ

שְׁטִיקֶל מְדִינָה, וָואס ס'גִיבְּט אוֹיס [אַרוֹיס] זֵייעֶר אַסַאךְ פֵּירוֹת – דֶערְנָאךְ בַּארֶעכְנְט מֶען דִי פֵּירוֹת וָואס דִי מְדִינָה גִיבְּט אוֹיס – זֶעהְט מֶען, אַז דִי מְדִינָה הַאלְט גָארְנִישְׁט אַזוֹיפִיל אָרְט, וִויפִיל דִי פֵּירוֹת בַּאדַארְפְן פַּארְנֶעמֶען – ס'גָאר אַזוֹיפִיל אָרְט אִין דֶער מְדִינָה נִישְׁט דָא, וִויפִיל דִי פֵּירוֹת בַּאדַארְפְן פַּארְנֶעמֶען.

נִמְצָא, אִיז זִיךְ דָאס אַ 'מִיעוּט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה'" (דְהַיְינוּ: אַ בִּיסְל אָרְט הַאלְט אַזוֹי פִּיל). זֶענֶען זַיינֶע רֵייד גֶעפֶעלְן זַיי, אַז דָאס אִיז בְּוַדַּאי אַ 'מִיעוּט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה'.

אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט: "כַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] עֶר הָאט אַ 'פַּרְדֵס' (דְהַיְינוּ: אַ גָארְטְן), זֵייעֶר אַ וואוּילְן, וָואס ס'אִיז דָארְט דָא פֵּירוֹת וְכוּ' – פָּארְן אַהִין זֵייעֶר פִּיל מֶענְטְשְׁן, אוּן שְׂרָרוֹת, וָוארְן ס'אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶער 'פַּרְדֵס' – אוּן אַז ס'קוּמְט זוּמֶער, פָּארְן אַהִין זֵייעֶר פִּיל מֶענְטְשְׁן, אוּן שְׂרָרוֹת, זִיךְ שְׁפַּאצִירְן דָארְט – אוּן צוּם אֶמֶת, אִיז דָארְט אִין דֶעם 'גָארְטְן', גָארְנִישְׁט פַארְהַאנְדְן אַזוֹיפִיל אָרְט, אַז סְ'זָאל קֶענֶען הַאלְטְן אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן – אִיז זִיךְ דָאס אַ 'מוּעָט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה'" – אִיז דֶער אוֹיךְ גֶעפֶעלְן זַיי.

אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט: "אַז זַיין 'דִיבּוּר' אִיז אַ 'מִיעוּט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה' – וָוארְן עֶר אִיז אַ 'סֶעקְרֶעטַאר' בַּיי אַ גְרוֹיסְן 'מֶלֶךְ' – אוּן צוּ דֶעם 'מֶלֶךְ' קוּמֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן – דֶער קוּמְט מִיט 'שְׁבָחִים' צוּם 'מֶלֶךְ' (דְהַיְינוּ: זַיי זָאגְן אִיטְלֶעכֶער אַ לוֹיב צוּם 'מֶלֶךְ') – דֶער קוּמְט מִיט 'בַּקָשׁוֹת' צוּם 'מֶלֶךְ' – אוּן אַזוֹי דֶעסְגְלַייכְן – אוּן דֶער 'מֶלֶךְ', קֶען בְּוַדַּאי נִישְׁט דָאס אַלְץ אוֹיסְהֶערְן.

נֶעם אִיךְ צוּם אוֹיף [צוּנוֹיף] אַלֶע זֵייעֶרֶע רֵייד, אִין עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער נָאר – אוּן אִיךְ דֶערְצֵייל דֶעם 'מֶלֶךְ' נָאר עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער – אִיז דְרִינֶען כָּלוּל אַלֶע 'שְׁבָחִים' אוּן אַלֶע 'בַּקָשׁוֹת' זֵייעֶרֶע – אוּן גָאר זֵייעֶרֶע רֵייד, קוּמֶען אַלֶע אַרַיין אִין דִי עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער מַיינֶע, וָואס אִיךְ דֶערְצֵייל דֶעם 'מֶלֶךְ'.

נִמְצָא, אִיז זִיךְ מַיין 'דִיבּוּר', אַ 'מִיעוּט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה'".

אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט: "זַיין שְׁתִיקָה (דְהַיְינוּ: זַיין שְׁוַוייגְן), אִיז אַ 'מוּעָט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה' – וָוארְן עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ, זֵייעֶר אַסַאךְ 'מְקַטְרִיגִים', אוּן 'בַּעֲלֵי לָשׁוֹן־הָרָע', וָואס זֵיי רֶעדְן אוֹיף אִים זֵייעֶר פִּיל – וָוארְן מְ'קְרִיגְט אוֹיף אִים, אוּן מְ'רֶעדְט אוֹיף אִים זֵייעֶר אַסַאךְ.

אוּן וָואס מְ'רֶעדְט אוֹיף אִים, אוּן מְ'קְרִיגְט אוֹיף אִים, אוּן וָואס מְ'זָאגְט אוֹיף אִים – טוּט עֶר אֵיין שְׁוַוייג – אִיז דָאס אַ תֵּירוּץ אוֹיף אַלֶע קַשְׁיוֹת, אוּן אוֹיף אַלֶע רֶעדֶעכְץ, וָואס מְ'רֶעדְט אוֹיף אִים – אוּן נָאר מִיט זַיין שְׁוַוייג, פַּארֶענְטְפֶערְט עֶר אַלְץ.

נִמְצָא [קוּמְט אוֹיס], אִיז זַיין שְׁתִיקָה אַ 'מִיעוּט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה'". אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט: "עֶר אִיז אַ 'מִיעוּט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה' – וָוארְן ס'אִיז פַארְהַאנְדְן אַ 'אָרִימַאן', אוּן דֶער 'אָרִימַאן' אִיז אַ 'סַגִי־נָהוֹר' [בְּלִינְדֶער] – אוּן אִיז זֵייעֶר אַ 'גְרוֹיסֶער' – אוּן עֶר [וָואס דֶערְצֵיילְט דָאס] אִיז זֵייעֶר אַ 'קְלֵיינֶער' – אוּן עֶר [וָואס דֶערְצֵיילְט דָאס] פִירְט דֶעם גְרוֹיסְן 'אָרִימַאן' דֶעם 'סַגִי־נָהוֹר'.

נִמְצָא [קוּמְט אוֹיס], אִיז עֶר זִיךְ אַ 'מִיעוּט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה' – וָוארְן דֶער 'סַגִי־נָהוֹר', וָואלְט זִיךְ גֶעקֶענְט אוֹיסְגְלִיטְשְׁן אוּן פַאלְן – אוּן עֶר דֶערְהַאלְט אִים, מִיט דֶעם וָואס עֶר פִירְט אִים – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיב דֶעם] אִיז עֶר אַ 'מוּעָט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה' – וָוארְן עֶר אִיז אַ קְלֵיינֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר הַאלְט דֶעם גְרוֹיסְן 'סַגִי־נָהוֹר'". אוּן אִיךְ בִּין דָארְטְן אוֹיךְ גֶעוֶוען (דְהַיְינוּ: דֶער 'הוֹיקֶער' וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ) – הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "ס'אִיז אֶמֶת, אַז אִיר הָאט דִי זַאךְ פוּן 'מִיעוּט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה'. אוּן אִיךְ וֵוייס וָואס אִיר אַלֶע הָאט גֶעמֵיינְט (דְהַיְינוּ: דִי אַלֶע וָואס אִיטְלֶעכֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט, מִיט זַיין 'מִיעוּט מַחֲזִיק אֶת הַמְרוּבֶּה', וֵוייסְט עֶר וָואס אִיטְלֶעכֶער הָאט גֶעמֵיינְט).

:pe ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די דרייצנסטע מעשה - די זיבן בעטלערס (11)

**א. וועלכע סארט פלייצעס האט דער בעטלער דער הויקער?**
- ❑ שוואכע פלייצעס
- ❑ צובראכענע פלייצעס
- ❑ פלייצעס וואס זענען מועט מחזיק את המרובה

**ב. צו וועלכע מיעוט מחזיק את המרובה האט איינער צוגעגליכנט דער וואס האט זיך בארימט מיט זיין מח?**
- ❑ צו דער מענטש וואס זיצט נעבן א בארג מיסט און טינוף וואס קומט פון אים
- ❑ צו די מדינה וואס גיבט ארויס אסאך פירות
- ❑ צו די גארטן וואס שפאצירן דארטן מער מענטשן פון וויפיל פלאץ ס'איז דא

**ג. מיט וואס האט זיך דער צווייטער בארימט?**
- ❑ אז ער האט א שטיקל מדינה וואס ס'גיט ארויס מער פירות פון וויפיל פלאץ ס'איז דא
- ❑ אז ער האט א גארטן וואס קומען דארט מער מענטשן פון וויפיל פלאץ ס'איז דא
- ❑ אז ער איז א סעקרעטאר ביי א גרויסע מלך און נעמט צוזאם אלעמענס ווערטער צום קעניג אין איינציגע ווערטער

**ד. מיט וואס האט זיך דער דריטער בארימט?**
- ❑ אז ער האט א שטיקל מדינה וואס ס'גיט ארויס מער פירות פון וויפיל פלאץ ס'איז דא
- ❑ אז ער האט א גארטן וואס קומען דארט מער מענטשן פון וויפיל פלאץ ס'איז דא
- ❑ אז ער איז א סעקרעטאר ביי א גרויסע מלך און נעמט צוזאם אלעמענס ווערטער צום קעניג אין איינציגע ווערטער

**ה. מיט וואס האט זיך דער פערטער בארימט?**
- ❑ אז ער האט א שטיקל מדינה וואס ס'גיט ארויס מער פירות פון וויפיל פלאץ ס'איז דא
- ❑ אז ער האט א גארטן וואס קומען דארט מער מענטשן פון וויפיל פלאץ ס'איז דא
- ❑ אז ער איז א סעקרעטאר ביי א גרויסע מלך און נעמט צוזאם אלעמענס ווערטער צום קעניג אין איינציגע ווערטער

**ו. מיט וואס האט זיך דער פיפטער בארימט?**
- ❑ אז זיין שווייגן איז א מועט מחזיק את המרובה
- ❑ אז ער איז א קליינער וואס פירט דעם גרויסן ארימאן דער סגי נהור
- ❑ביידע תשובת זענען ריכטיג

**ז. מיט וואס האט זיך דער זעקסטער בארימט?**
- ❑ אז זיין שוויגן איז א מועט מחזיק את המרובה
- ❑ אז ער איז א קליינער וואס פירט דעם גרויסן ארימאן דער סגי נהור
- ❑ ביידע תשובת זענען ריכטיג

**ח. אויף וועמען זאגט דער בעטלער אז ער איז גרעסער פון אלע?**
- ❑ אויף דעם פון דעם גארטן
- ❑ אויף דעם סעקרעטאר
- ❑ אויף דעם קליינעם וואס פירט דעם סגי נהור

**ט. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



## טיפער געטראכט

איז ביי די שמועס געפעלן די אלע וואס האבן זיך בארימט מיט "מיעוט מחזיק את המרובה"?

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

**וואו נאך דערציילט דער רבי אין ספורי מעשיות וועגן א פייגל?**

קומט אַ גְרויסער פויגל. און פַארשְׁפְּרייט די פְלִיגְל אויף אים (מעשה י"ג דעם דריטן טאג)

עֶר הָאט גִימַאכְט גִילְדִינֶע פֵייגְלִיך (מעשה י', דער רוצח)

סֶע שְׁטֵייעֶן דָארְטְן פֵייגִיל אויף דֶער קֶעך (מעשה י"ב דער בעל תפילה)

**דער געווינער אויף די זיבן בעטלערס נומער 10 איז**
**הילד החשוב יצחק שלום ווייסשטיין, ירושלים**
**געווינער אויף שאלות לפני חנוכה איז הילד החשוב**
**יחיאל קרויז בית שמש,**

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

## איך בין נישט קיין גוי

גֶעוועֶן אַמָאל גָאר אַ גְרויסֶער צַדִיק וֶועלְכֶער אִיז גֶעוועֶן פוּן דִי מָארֵי-דְחוּשְׁבְּנָא, דָאס מֵיינְט עֶר פְלֶעגְט זִיךְ יֶעדְן טָאג בַּארֶעכֶענֶען אוֹיב זַיין טָאג אִיז גֶעוועֶן רִיכְטִיג אָנְגֶעפוּלְט מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם ווִי עֶר אִיז גֶעוואוֹינְט צוּ טוּן טֶעגְלִיךְ.

אֵיין טָאג אִיז עֶר גֶעזֶעצְן אוּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַלֶע זַיינֶע עֲבוֹדוֹת וָואס עֶר דַארְף עֶרְפִילְן הַיינְט אִין עֲבוֹדַת ה', אוּן וָואס אִיז אִים אוֹיסְגֶעקוּמֶען? אַז עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט בִּשְׁלֵימוּת זַיין חוֹב פַארְן הַיינְטִיגְן טָאג.

אֵיינֶע פוּן זַיינֶע פִירוּנְגֶען אִיז גֶעוועֶן אַז עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין שְׁטוּב אַהִין אוּן אַהֶער, זִיךְ דְרֵייעֶן פַאר'דְבֵקוּ'ט אִין צִימֶער עֶטְלִיכֶע מָאל, יֶענֶעם טָאג הָאט עֶר דָאס נִישְׁט גֶעטוּן ווִי מֶען דַארְף.

ווִיבַּאלְד עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט רִיכְטִיג גֶעטוּן זַיין דִינְסְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער דֶעם דָאזִיגְן טָאג, אִיז עֶר גֶעווָארְן זֵייעֶר גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, אַז עֶר הָאט זִיךְ מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְלֶעבְן.

בִּיז עֶר הָאט זִיךְ עֶנְדְלִיךְ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט מִיטְן פַאקְט אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוועֶן נִישְׁט צוּ ווֶערְן גֶעבּוֹירְן אַ גוֹי, אוּן דָאס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעהוֹיבְּן אוּן צוּרִיקְגֶעבְּרֶענְגְט צוּם לִיכְטִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

מִיר זִיצְן יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת אוּן עֶס שְׁווִימֶען אַרוּיף אַזֶעלְכֶע גֶעדַאנְקֶען ווִי: וָואס הָאבּ אִיךְ הַיינְט גֶעטוּן? ווִיאַזוֹי אִיז מַיין אוֹיפְפִירוּנְג? הָאבּ אִיךְ גֶעהִיטְן יֶעדֶע סְקוּנְדֶע פַאר תּוֹרָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם? אוֹיסְגֶענוּצְט רִיכְטִיג יֶעדֶע מִינוּט צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער? הָאבּ אִיךְ גֶעדַאווְנְט בְּכֹחַ מִיט אַ קוֹל ווִי עֶס פַארְלַאנְגְט זִיךְ? הָאבּ אִיךְ זִיךְ פַארְטִיפְט אִין תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה ווִי עֶס פַּאסְט צוּ טוּן?



צוּמָאל קֶען אַרוֹיפְשְׁווִימֶען אִין הַארְץ אַזַא סָארְט עַצְבוּת: 'אוֹי, אִיךְ פִּיר זִיךְ נִישְׁט אוֹיף ווִיאַזוֹי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער ווִיל, טְרַאץ וָואס אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעלֶערְנְט, גֶעדַאווְנְט, גֶעטוּן אַסַאךְ חֶסֶד אוּן גֶעוועֶן דָבוּק אִין בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶּער, אָבֶּער סְ'אִיז עֶפֶּעס נִישְׁט.'

דִי מַחֲשָׁבוֹת פְלִיעֶן אִין קָאפּ: 'וָואס ווֶעט זַיין מִיט מִיר? פַארְוָואס דִין אִיךְ נִישְׁט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער ווִי מֶען דַארְף?' דָאס הַארְץ אִיז צֶעבְּרָאכְן אוּן פַארְטְרוֹיעֶרְט, סְ'אִיז שְׁווֶוער צוּ גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל.

ווֶען מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ אֵיין מִינוּט טְרַאכְטְן, בַּאמֶערְקְט מֶען אַז נָאךְ ווִי דַארְף אִיךְ פְרֵיילִיךְ

המשך אויף זייט 6

הגליון נתנדב ע"י
הרה"ח ר' מאיר י-הוסף שיף הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב
לזכות בנו הרך הנימול אלימלך

הגליון נתנדב ע"י
הרה"ח ר' ישראל אהרן פישמאן הי"ו
לרגל בר מצוה של בנו הב' עמרם למזל טוב. ולע"נ זקנו הרה"ח ר' שמואל בנימין בן עזרה שלמה ע"ה

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר נחמן גאטליב הי"ו
לרגל הולדת הבן למזל טוב